בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

פרשת בהעלותך

תשפ"ו

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל פון חיזוק



מאמר הפרשה • תפילה • נסיונות • א טיפערע בליק




## י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא
בספר 'טבריא של מעלה'
שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

### די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**
ביהמ"ד שומרי שבת
5302 13 Ave.
ביהמ"ד עדת יראים וויען
1350 50 St.
ביהמ"ד הדרת קודש
סוואליווע
4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**
כתר דזשורעיקא
801 Bedford Ave.
מאורות
218 Wallabout St.

**מאנסי**
ביהמ"ד זוועהיל
101 W Maple Ave.
שיינער'ס שול
18 Forshay Rd.

**קרית יואל**
כתר דזשורעיקא
97 Acres Rd.

**לעיקוואד**
כתר דזשורעיקא
12 America Ave.
ביהמ"ד סאטמאר
405 Forest Ave.
ביהמ"ד צאנז
קלויזענבורג
25 Havens Ave.
ביהמ"ד בעלזא
44 Grove Springs Ct.

**טאמס ריווער**
ביהמ"ד קהל בני יששכר
1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**
MB VINEYARD
3012 AVE J

◆ ◆ ◆

©

להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:
shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:
pardesgilyones@gmail.com

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

# פרדס התורה

פרשת בהעלותך
תשפ"ו
גליון 32

אידיש

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן האי שתא אחר קבלת יסודים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכירי' • ת.נ.צ.ב.ה.

## אינעם גליון:

3 מאמר הפרשה
5 תפילה
6 נסיונות
7 א טיפערע בליק

## מאמר הפרשה

# "שלך גדולה משלהם"

### דאס חלישות הדעת פון אהרן הכהן, און דער ענטפער פונעם אייבערשטן

**"דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֵלָיו בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת"** (במדבר ח', ב').

זאגט **רש"י הק'**: "למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשיאים? לפי כשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה דעתו, שלא היה עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו, אמר לו הקב"ה: **'חייך, שלך גדולה משלהם, שאתה מדליק ומטיב את הנרות'"**.

רש"י לערנט אונז, אז עס האט געבּאַדערט פאַר אהרן הכהן אז ער האט נישט גענומען קיין חלק מיט די 'נשיאים' ביי די 'חנוכת המשכן', האט אים דער אייבערשטער מחזק געווען און געזאָגט: "שלך גדולה משלהם" - **דיין פריוואַטע עבודה איז גרעסער און חשוב'ער פון זייערס.**

מיר גייען יעצט זען בעזהשי"ת א געוואלדיגן חיזוק פון די ווערטער אויף 'למעשה', פאַר יעדן איינעם פון אונז.

### "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ... שֶׁהֶחֱזַרְתָּ 'בִּי' נִשְׁמָתִי..."

מיר זאגן יעדן אינדערפרי "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם". מיר דאווענען און מיר דאנקען דעם אייבערשטן פאַר'ן אונז צוריקגעבן אונזער נשמה. מיר דאַנקען דעם באשעפער אז מיר קענען אים דינען. מיר זענען זעלנער, מיר זענען אין די מיליטער פונעם הייליגן באשעפער.

אבער מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף נאך עפעס. מיר זאגן אין די תפילה "שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי" - דער רבוש"ע האט מיר צוריקגעגעבן די נשמה "בִּי", אין מיר. **וואס באדייט דאס ווארט "אין מיר"?**

### אונזער מאראל: "מיר זענען אין דעם אייבערשטנ'ס ארמיי!"

דער באקאנטער מגיד משרים **רבי יענקעלע גאלינסקי** זצ"ל, האט דערציילט א מעשה וואס האט מיט אים פאסירט ווען ער איז געווען פארשיקט אין די פארפרוירענע 'סיביר' אין רוסלאַנד.

די רשעים ימ"ש האבן דאך געמאכט ארבעטן זייער שווער, און ווען ער פלעגט צוריקקומען ביינאכט אין זיין כאַטקע, האט ער געהאט בלויז א קאַרגע 'פיר שעה' צו שלאָפן. פארשטייט זיך אז ער פלעגט זיך אוועקשטעלן אין א זייט, ארויסנעמען א גמרא און פלייסיג לערנען.

עס האט אבער פאסירט גאר אן אינטערעסאנטע זאך יעדע נאַכט בערך די זעלבע צייט ווען ער פלעגט לערנען. ער האט באמערקט אז יעדע נאכט וועקט זיך אויף איינער פון די גויים דארט, און ווען יעדער איינער שלאָפט, גייט ער צו צו א זעקעלע, נעמט ארויס אפיצירן קליידער און טוט זיך אָן ווי א גענעראל. ער הייבט אָן צו מאכן כאילו מ'גייט יעצט ארויס אין א מלחמה, און ער טיילט אויס בּאַפעלן פאַר זיינע סאלדאטן וואס צו טון. נאַכט נאך נאַכט האט ער צוגעזען די זעלבע שפיל.

ביז איין טאָג איז ער צוגעגאנגען צום גוי און אים געפרעגט וואס דא גייט פאָר.

דער גוי האט אים מסביר געווען, אז ער איז אמאל געווען גאָר א הויכער גענעראל אין די פראנצויזישע ארמיי. אבער ער איז פאַרכאַפּט געווארן אזוי ווי אלעמען, און מ'האט אים אהערגעשלעפט קיין סיביר.

האט דער גוי ווייטער געזאגט: "בייטאָג, ווען די וועטער איז אזוי



געפרוירן און די רשעים מאכן דעם מענטש ארבעטן אזוי ביטער שווער, שפירט מען אז מ'גייט עס נישט מאכן און מ'וועט עס נישט קענען אויסהאלטן. **ביינאַכט נעם איך ארויס די בגדים, כדי זיך צו האַלטן שטארק, און אויפהייבן מיין מוט און מיין חיות!**".

**"יעדע נאכט ווען איך טו זיך אָן די קליידער, ווער איך צוריק א גענעראל, און איך מאך כאילו איך טייל אויס פאזיציעס און ארדערס פאַר מיינע סאלדאטן. דאס גיט מיר כח, דאס גיט מיר שטאלץ, איך זאל קענען ווייטער אנגיין אין לעבן דעם נעקסטן טאג ביי די שווערע ארבעט!**".

עד כאן המעשה.

האט ר' יענקעלע גאלינסקי אויסגעפירט: **"מיר זענען אין די צבאות ה', מיר זענען אין די מיליטער פונעם אייבערשטן. דאס דאַרף אונז געבן שטאלץ, כח און חיזוק - 'ויגבה לבו בדרכי השם' - דורכצוגיין די שווערסטע נסיונות דורכן טאג!"**

### "יעדער איינער" האט אין זיך א ספעציעלע נקודה

מיר דאַנקען דעם אייבערשטן יעדע אינדערפרי: "מודה אני לפניך", דו האסט מיר צוריקגעגעבן א נשמה, און איך בין א גענעראל אין דעם רבונו של עולם'ס ארמיי. **אבער נאך מער פון דעם: "שהחזרת בי", דו האסט עס צוריקגעגעבן "אין מיר". יעדער איינער האט א ספעציעלע זאך. "יעדער" איז א ספעציעלער גענעראל וואס "קיינער" קען נישט ערזעצן.**

איינער איז ספעציעל אין 'צדקה', א צווייטער אין 'חסד', איינער קומט אָן צום מנין יעדע אינדערפרי מיט עטליכע מינוט פריער, א צווייטער קומט יעדן פאַרטאָגס אין ביהמ"ד, איינער איז ספעציעל אין 'חינוך הבנים', און א צווייטער לייגט אריין א ספעציעלע ווארימקייט אין זיינע קינדער. **יעדער איינער האט עפעס ספעציעל.**

מיר זאָגן: רבוש"ע, "שהחזרת בי", דו האסט עס אריינגעגעבן אין מיר, עס איז דא עפעס ספעציעל אין מיר.

ווען א מענטש זעט איין די צוויי זאכן:

**א.** איך בין א גענעראל אין דעם רבונו של עולם'ס ארמיי.

**ב.** איך בין א ספעציעלער גענעראל וואס טוט עפעס וואס קיינער אנדערש טוט נישט.

דאס גיט דעם מענטש כח פאַר'ן גאנצן טאג.

**יעדע אינדערפרי זאָגט אונז דער רבוש"ע "שלך" - דיין פריוואטע עבודה, דיין פריוואטע מעלה וואס דו האסט, "גדולה משלהם" - איז גרעסער פון אנדערע, און דאס מאַכט דיר חשוב און געהויבן.**

חזק ותצליח!

# דער געוואלדיגער 'כח התפילה' פון א יעדער איד

### דער באשעפער וואַרט מיר זאלן אויסגיסן דאס הארץ פאַר אים

אונזער כח התפילה איז עפעס מורא'דיג און אומבאגרעניצט, **מיר דארפן נאָר האבן אמונה און גלייבן אין דעם**.

**שלמה המלך** ע"ה זאגט אונז אין "שיר השירים" (ב, יד): "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ כִּי קוֹלֵךְ עָרֵב וּמַרְאֵיךְ נָאוֶה". דער רבוש"ע זאגט פאַר יעדן איד: "לאז מיר הערן דיין קול, ווייל דיין קול איז זיס ביי מיר". עס שטייט דארט נישט קיין שום באדינגונג אדער תנאי, און עס מאכט נישט אויס ווער דו ביסט און וואס דו האסט אָפּגעטון אין דיין לעבן.

דער הייליגער **מאור עינים** זי"ע שרייבט, אז אפילו אויב א מענטש איז נעבעך דורכגעפאַלן מיט עבירות, אבער יעצט כאַפּט ער זיך צוריק און הייבט אָן דאווענען און זיך ווענדן צום טאטן אין הימל - איז דאס פונקט ווי א 'בן מלך' וואס האט געזינדיגט קעגן זיין טאַטן דער 'קעניג' און איז אנטלאפן פון פאלאץ, ער איז נישט געווען אינטערעסירט צוריקצוקומען צום חצר המלוכה. פאַרשטענדליך אז דער טאטע האט געהאט גאָר גרויס צער דערפון. פלוצלינג, איין טאג באקומט ער א בריוו פונעם קינד אז ער וויל צוריק אהיימקומען. דאס איז די גרעסטע שמחה וואס דער טאטע קען נאָר האבן.

די זעלבע זאך איז כל שכן ביי א אידיש קינד. אפילו אויב ער פילט זיך צובראכן ווייל ער איז געווען דערווייטערט פון חצר המלך דורך זיינע מעשים, אבער ווי נאָר ער הייבט אָן שיקן "בריוו" צום רבוש"ע - ער בעט זיך ביי זיין טאטן אין הימל אז ער וויל תשובה טון - האט דער באשעפער אזא מורא'דיגע הנאה דערפון. **דער באשעפער פריידט זיך: "מיין קינד, בני בכורי ישראל, וואס איז געווען אזוי ווייט, וויל ענדליך צוריק אהיימקומען צו מיר!"**.

### די מעשה אונטער די הייליגע שלשלת לבית "לעלוב"

דער ראש השלשלת לבית "לעלוב" איז געווען דער הייליגער **רבי דוד'ל לעלובער** זי"ע. עס איז באקאנט א מורא'דיגע מעשה וויאזוי די דאזיגע



הייליגע גזע האט זיך אנגעהויבן.

דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** זי"ע און זיין ברודער דער הייליגער **רבי ר' זושא** זי"ע זענען אמאל אנגעקומען אין די שטאט לעלוב. זיי זענען צוגעגאנגען צום ארטיגן ביהמ"ד און דארט באמערקט א לעכטיג קינד וואס האט געשטראלט מיט א ספעציעלע קדושה. זיי האבן דאס קינד געפרעגט: "וואו וואוינסטו?" און דאס קינד האט זיי צוגעוויזן דאס הויז.

די צדיקים האבן געשפירט אז אין דעם הויז מוז זיין באהאלטן א גרויסער צדיק נסתר, אז מען זאל זוכה זיין צו האבן אזא הייליג קינד. זיי האבן געקלאַפּט אויפן טיר, און די מאמע האט געעפנט. זעענדיג די צוויי 'מלאכים' אויפן שוועל, האט זי גלייך געכאַפּט וואס דא קומט פאר. זי האט זיי געזאגט: "מיין מאַן איז יעצט נישט אינדערהיים, אבער קומט אריין, עס איז דא עסן אויפן טיש", און זי איז ארויס אינדרויסן.

די צוויי צדיקים האבן אנגעהויבן פירן א שמועס מיט די מאמע (בשעת זי איז געשטאנען אינדרויסן) און איר געפרעגט פארשידענע שאלות איבער די הנהגות פון איר מאַן, פרובירנדיג צו דערגיין זיין גרויסקייט, אבער לויט אירע תשובות האבן זיי נישט געזען אז ער זאל זיין עפעס אַ צדיק נסתר.

זיי האבן אבער נישט נאכגעלאזט און ווייטער געפרעגט, ביז זי האט דערציילט איין זאך: **"יעדע וואך ביי שלש סעודות, ווען מען זינגט די זמירות און מען האַלט ביי די ווערטער 'וזכינו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות', זינגט מיין מאַן מיט אזא דביקות און השתפכות הנפש אז ער חלש'ט אוועק פון גרויס התעוררות! מען מוז אים דערוועקן, און ער חלש'ט נאכאמאל... אזוי גייט עס עטליכע מאל יעדע וואָך!"**

האבן די צוויי צדיקים, דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא אויסגערופן: "יעצט פארשטייען מיר שוין אלעס, **דאס איז דער סוד!**". זיי האבן אנגעוואונטשן דעם יונגן דוד'ל און אים מיטגענומען מיט זיך צו זיין זייער תלמיד. און מיר אלע ווייסן וואספארא ריזיגע שלשלת פון צדיקים איז ארויסגעקומען פון דעם "דאווענען".

**מיר כאַפּן בכלל נישט וואספארא "כח התפילה" מיר פארמאגן!**

**יעדער פשוט'ער איד וואס שטעלט זיך דאווענען, רייסט דורך אלע הימלען! עס ברעכט דורך אלע טויערן!!!**

און ווי מיר האבן שוין אסאך מאל געזאגט: עס עקזיסטירט נישט אזא זאך ווי א "פשוט'ער" איד - יעדער איד איז דאך א קינד פונעם באשעפער, "בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם".

## נסיונות

# "הנאותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה"

### דער יצה"ר קומט מיט 'פרישע' ביזנעס דיעלס

דער הייליגער צדיק וקדוש, דער צדיק יסוד עולם **רבי שלומקע זוועהילער** זי"ע, פלעגט רעדן גאָר ווייניג. אפילו דברי תורה פלעגט ער זאגן ווייניג, אבער דאס ביסל וואס איז יא געבליבן לויפט מסוף העולם ועד סופו, דאס זענען "יסודות החיים".

איינס פון די יסודות וואס ער האט אונז איבערגעלאזט איז איבער'ן ענין פון מלחמת היצר און מדות רעות. וואס אסאך מאל מאכן די זאכן א מענטש זייער צעבראכן און בעצבות, אבער לויט רבי שלומקע'ס יסוד קען מען דאס איבערדרייען "מאפילה לאורה".

א מענטש גייט אדורך פארשידנארטיגע נסיונות: לשון הרע, רכילות, מחלוקת, קנאה, שנאה, שמירת עינים, מחשבות זרות, און נאך.

**וואס איז פשט פון די אלע נסיונות?**

דער יצר הרע קומט צום מענטש און זאגט אים: "קוק אהער, איך האב דא פאר דיר א **פרישע** געשמאקע זאך צו פארקויפן". דער מענטש רעדט זיך איין נעבעך כאילו דער יצר הרע פאַרקויפט אים עפעס א געשמאק וואס ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט. ער מיינט אז ער באקומט יעצט א פרישע ביזנעס דיעל, א מעכטיגע שטיקל ריעל עסטעיט, א נייע געביידע מיט צוויי הונדערט דירות, אדער א פרישע קאָמפּאַני וואס גייט אים אריינברענגען א האלב מיליאן דאלער א חודש.

**אבער דאס איז א 'גרויסער' טעות!**

### דער יצה"ר גנב'עט עס פון "דיין באנק קאנטע!"

**דו ווייסט וואס דער יצר הרע טוט באמת?**

זאגט רבי שלומקע אזוי: דער יצר הרע גייט אריין אין "דיין באנק קאנטע" און אין "דיין ביזנעס" וואס דו פארמאגסט שוין, ער נעמט ארויס געלט פון דארט, און ער זאגט דיר: "נאַדיר, איך פארקויף דיר א **נייע** הנאה". און דו רעדסט דיך נאך איין: "אָה, דאס איז א **נייע** הנאה, א **פרישע** האלב מיליאן דאלער".

אבער עס איז בכלל נישט אזוי! ער האט עס פשוט געגנב'עט פון "דיין אייגענעם באנק קאנטע". ווען דו קומסט נאכדעם צוריק צו דיין באנק,

זעסטו אז **דיין אקאונט איז ליידיג...**

מ'טענה'ט זיך מיטן יצר הרע: "איין מינוט, דו האסט מיר דאך יעצט פארקויפט א נייע ביזנעס, א פריש שטיקל ריעל עסטעיט?!" אבער דער אמת איז: **"דו האסט גענומען מיין 'אלטע' ביזנעס, 'מיין' אייגענע שטיקל ריעל עסטעיט, און דאס האסטו מיר צוריק פאַרקויפט!"...**

### "הנאותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה!"

חז"ל זאגן "מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד ראש השנה". זאגט רבי שלומקע: דער באשעפער לייגט אריין אין דיין באנק אקאונט געזונט, פרנסה, נחת, שידוכים, און אלע סארט שמחות, שלום בית, און יעדע סארט געשמאקייט אין לעבן. קומט דער יצר הרע און רעדט דיר איין: "ראיות אסורות איז דאך אזוי געשמאק, לשון הרע רכילות און מחלוקת איז א מחי', ביטול תורה איז זיס".

**אבער דאס איז א ביטערער טעות! די גאנצע געשמאק וואס ער לייגט אריין אין די עבירה, האט ער יעצט גע'גנב'עט פון "דיין נחת!" ער האט עס צוגענומען פון "דיין פרנסה!"**

ער מאכט א פנים כאילו ער ברענגט דיר א נייע הנאה, אבער אין די מינוט וואס א מענטש קוקט חלילה אויף ראיות אסורות, גייט עס ארויס פון זיין באנק אקאונט אויפ'ן חשבון פון זיין פרנסה, זיין שלום בית, און זיין נחת...

זאגט רבי שלומקע: די נעקסטע מאל וואס דער יצר הרע קומט דיר פרובירן צו פאַפּן, זאג אים: **"אנטשולדיגט, דו פארקויפסט מיר א הנאה? דאס איז דאך בכלל נישט 'דיין' הנאה, דאס איז 'מיין' אייגענע הנאה וואס דו האסט פשוט גע'גנב'עט פון מיר!".**

און אזוי וועלן מיר בס"ד קענען בייקומען אונזערע נסיונות מיט א ריכטיגע געשמאק.




## א טיפערע בליק

# דער כוח פון "ווערטער"

### דער מפתח החיים: 'כוח הדיבור'

בעזהשי"ת, גייען מיר רעדן איבער א נושא, א 'מפתח', א שליסל וואס קען עפענען די הערצער פון א מענטש, ער זאל קענען בייקומען אלעס, אפילו אויב ער איז דורכגעגאנגען שווערע יסורים, צער און דאגות.

דער 'שליסל' קען נעמען דעם מענטש און אים אריינפירן אין א גאַנץ נייע וועלט. מיר רעדן נישט נאָר פון א וועלט 'במחשבה', נאָר מיר רעדן פון ממש אריינלייגן דעם מענטש אין א 'עולם השמחה' און א 'עולם התענוג', פיזיש, דא אויף 'דער וועלט'.

דער 'מפתח' רופט זיך: **"כוח הדיבור"**.

ווען א מענטש הערט פון א חבר טאָג-טעגליך ווי ער ברענגט ארויס זיינע מעלות, ער כאַפּט א התפעלות פון אים און פון די גוטע זאכן וואס ער פאַרמאָגט; ווי דער חבר באוואונדערט

אים אז אפילו ער גייט דורך געוויסע נסיונות און מלחמות, דאָך שטארקט ער זיך - **די דאזיגע ווערטער געבן פאַר'ן מענטש א געוואלדיגע כוח און א חיזוק עצום**.

און מ'דאַרף דא צולייגן: עס מוז נישט דוקא זיין א נאָנטער חבר, אדרבה ואדרבה, צומאל ווען מען הערט דאס פון א פרעמדן מענטש וואס מען קען נישט, קען עס אויפטון פיל מער.

## דער גור'ער משגיח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל

עס איז דא א מורא'דיגע מעשה פונעם גור'ער משגיח, דער גרויסער גאון און צדיק **רבי גד'ל אייזנער** זצ"ל, וואס האט מחנך געווען און אויפגעשטעלט א 'לגיון של מלך' פון טויזנטער תלמידים. זיינע מאמרים, שמועסן און זיין גאנצע הילוך החיים האבן משפיע געווען נישט נאָר אויף די טויזנטער גערער בחורים, נאָר אויף די גאנצע וועלט.

עס זענען באקאנט די צוויי ספרים "במחיצת ר' גד'ל", וואס ווער עס קוקט דארט אריין ווערט נבהל ונשתומם צו זען ווי א איד האט געלעבט א העכערע, פרייליכע און לעכטיגע לעבן, טראָץ דעם וואס ער האט כמעט גארנישט געהאַט אויף דער וועלט. ער האט דורכגעמאַכט די צווייטע וועלט מלחמה אין 'פוילן', אבער ער איז אדורך די אלע פינף יאר בגילה ורעדה, מיט א גלאַנץ, א לעכטיגקייט און א שמייכל. עס זענען דא פילע מעשיות פון זיין עבודה און זיינע הדרכות וואס האבן באלויכטן די וועלט, אבער מיר גייען יעצט דערציילן א מעשה וואס ר' גד'ל אליין פלעגט דערציילן, וואס ברענגט ארויס די נקודה וואס מיר האבן דא געשמועסט.

פאַר מיר דערציילן די מעשה, ווילן מיר מקדים זיין א 'הקדמה' כדי מען זאל פארשטיין די טיפקייט דערפון.

א מענטש מאכט זיך צומאָל א ליסטע און זאגט, אז ער קען שוין פשוט נישט אנגיין ווייטער אין לעבן. ער שרייבט אַראָפּ די סיבות פארוואס ער האט נישט קיין חשק ממשיך צו זיין מיט זיין לערנען, דאווענען, אדער פירן זיין שטוב. ער שרייבט אַראָפּ זיינע יסורים, זיין צער, זיינע דאגות - צענדליגער סיבות וואס מאכן א מענטש פילן פיזיש שוואך. לכאורה, ווען א מענטש קוקט אויף אזא צעטל, ווערט מען שוואך נאָר פון 'זען' אליין וואס דער מענטש איז אלס דורכגעגאנגען.

אויף דעם גייען מיר זען א פלא'דיגע מעשה וואס ר' גד'ל האט דערציילט, וואס טוישט דעם גאנצן בליק אויפ'ן לעבן.



## "גד'ל, לויף!"

עס איז געווען ביים סוף פון די צווייטע וועלט מלחמה. ר' גד'ל האט שוין דאַן געהאלטן נאָכן מיט-מאַכן פינף שווערע יאר, וואס מ'דאַרף נישט מסביר זיין וואס דאס מיינט, ווייל אפילו אביסל ארויסצוברענגען קען שוין אריינוואַרפן א מענטש אין א חלישות הדעת. ר' גד'ל איז דאס אדורך מיט זיין בלעטעלע "חובת הלבבות", מיט אזא שמחה און לעכטיגקייט, און ער האט אריינגעבלאזן א רוח החיים אין יעדן וואס איז געווען אין זיין סביבה.

ביים סוף פון די מלחמה, ווען די רשעים ימ"ש האבן געזען אז עס קומט שוין אַן ענדע צו זיי, האבן זיי דורכגעפירט דעם באקאנטן אכזריות'דיגן "טויט מאַרש". וואס מען האט געדאַרפט מאַרשירן אָן אויפהער,

זיי האבן אליין נישט געוואוסט וואו אהין, און ווער עס האט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן - אפילו נאָר פּאָר א קורצע צייט - האבן די רשעים גלייך דערשאָסן ה"י.

ר' גד'ל, שוין נאָכן דורכמאַכן פינף יאר אין די ערגסטע לאגערן, איז געגאנגען אויף דעם מאַרש, ביז פלוצלינג האט ער געפילט ווי די כוחות לאזן זיך אים אויס. ר' גד'ל האט דערציילט אז ער איז פשוט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, ער האט באמת נישט געהאט קיין שום כוח מער צו גיין ווייטער. ער האט געוואוסט אז מען גייט אים שיסן, אבער ער האט שוין פשוט נישט געקענט.

בשעת ער ליגט דארט אויף דער ערד און קען זיך נישט רירן, האט דער דייטש ימ"ש אנגעהויבן שרייען צו אים אז ער זאל גיין ווייטער, ווייל אויב נישט שיסט ער אים. ר' גד'ל האט שוין כמעט אויפגעגעבן.

פלוצלינג, האט ער געהערט א קול פון א צווייטן איד וואס שרייט צוויי ווערטער:

**"גד'ל, לויף! גד'ל, לויף!"**

די ווערטער האבן פלוצלינג אריינגעבלאזן אין אים אזא רוח החיים, אז **ער האט זיך צונויפגענומען די כוחות און איז ווייטער געלאפן. און אזוי האט ער איבערגעלעבט די קריג און אוועקגעשטעלט תלמידים לאלפים.**

## דער געוואלדיגער לימוד פון די מעשה

לאמיר זיך מתבונן זיין אין די מעשה:

**שאלה א'**, האט ר' גד'ל געהאט כוח?

דער תירוץ איז: **'ניין', ער האט נישט געהאט קיין כוח.**

**שאלה ב'**, פון וואו האט ער באקומען פרישע כוחות?

דער תירוץ איז: **ווען א מענטש הערט א' גוט ווארט', אפילו פון א פרעמדן מענטש, באקומט ער פרישע כוחות.**

**שאלה ג'**, ווער איז געווען דער וואס האט געגעבן פאַר ר' גד'ל די כוחות? איז יענער געווען דער צדיק הדור אדער א גאון הגאונים?

דער תירוץ איז: **יענער איז געווען א' פשוט'ער איד'.**

(מיר האבן שוין פיל מאל געשמועסט אז עס איז נישטא אזא זאך ווי א "פשוט'ער איד" - יעדער איד איז א גרויסע נשמה, בפרט א איד אין די לאגערן וואס איז געווען פון די צדיקי יסודי עולם - אבער יענער האט נישט געקענט ש"ס און איז נישט געווען אויף די מדרגה פון ר' גד'ל, און דאָך האט ער אים געקענט מחזק זיין).

דאס קומט אונז צו לערנען און לאזן הערן א מורא'דיגע זאך. יעדער איינער זאל זיך ארויסנעמען א ליסטע פון אלע זיינע פראבלעמען, פון זיין גאנצן צער, פון אלע זיינע צרות און יסורים וואס ער האט דורכגעמאכט אין לעבן, און זיך פרעגן איין שאלה:

"לאמיר זאגן, מען וועט צוזאמנעמען די גאנצע פילע ליסטע מיט פראבלעמען, מען לייגט עס ארויף אויף א וואגשאל. וועגט דאס טאקע אזוי פיל ווי פינף יאר אין א קאנסענטרעישאן קעמפ? אָן קיין ווייב, אָן קינדער, אָן גארנישט, פונקט ווי ר' גד'ל איז געווען. איז דאס שוה בשוה מיט יענע יסורים?"

"יא אדער ניין, איז דאס טאקע די זעלבע וואָג אדער נישט?"

און יעדער איינער ווייסט דעם תירוץ. **עס קומט נישט אָן אפילו נאָנט צו די יסורים, די שוואכקייט און די צובראכנקייט אין וואס ר' גד'ל איז געווען.**

און דאָך, נאך די אלע פינף יאר, ווען ר' גד'ל האט שוין באמת נישט געהאט קיין כוח, אבער ווען ער האט געהערט פון א צווייטן בלויז צוויי ווערטער "גד'ל, לויף!", האט ער פלוצלינג באקומען נייע כוחות.

## אין אונזער לעבן

מיר דאַרפן וויסן אין אונזער לעבן, יעדער איינער פון אונז: שרייב אַראָפּ די גאנצע ליסטע! נאכדעם הייב אויף דעם טעלעפאן, רוף אָן דיין חבר און זאג: "קוק אהער, דו זעסט די ליסטע? איך דאַרף א חבר וואס זאל מיר זאגן גוטע ווערטער". דו זאלסט יענעם בעטן: "ביטע זיי מיך מחזק, קוק אריין אין מיין הארץ, קוק אריין אין מיין לעבן, טרעף די גוטע זאכן אין מיר, און זאג מיר כסדר גוטע ווערטער". בעט עס! אפילו ווען דו בעטסט עס אליינס פון יענעם און דו ווייסט אז דו האסט עס אנגעגרייט, ארבעט עס נאך אלץ.

א מענטש מוז זיך ארומנעמען טאָג-טעגליך מיט חברים וואס זאגן אים גוטע ווערטער. **ווען דו וועסט זיין ארומגענומען מיט גוטע און נאנטע חברים, מיט געטרייע ידידים וואס גייען דיר זאגן פאזיטיווע ווערטער, וועט דיין גאנצע לעבן אויסזען אינגאנצן אנדערש.**

## אגרא דבי הילולא מילי

בעצם איז דאס באזירט אויף פילע מאמרי חז"ל, מיר ווילן נאָר צוצייכענען עטליכע פלעצער וואו דער יסוד שטייט.

די הייליגע **חז"ל** אין מסכת ברכות (דף ו' ע"ב) זאגן: "אמר רב אשי, אגרא דבי הילולא מילי" - דער עיקר שכר פון גיין צו א חתונה איז די "מילי", די ווערטער. וואס מיינט דאס "שכר פון ווערטער"? זאגט דער הייליגער **בן איש חי**: דאס מיינט "משבח זיין די כלה".

**ביאור הדברים:** די **גמרא** אין מסכת כתובות (דף ט"ז ע"ב, און דף י"ז ע"א) לערנט: "תנו רבנן, כיצד מרקדין לפני הכלה?" זאגט **רש"י**: די גמרא מיינט צו פרעגן, וואס זאל מען "זאָגן" בשעת מען טאנצט ביים מצוה טאנץ. אין אנדערע ווערטער, "כיצד מרקדין" גייט נישט ארויף אויף די סארט "ריקוד", נאָר **וואס מען "זאגט" בשעת'ן טאַנצן**.

זאגט די גמרא ווייטער: "בית שמאי אומרים, כלה כמות שהיא" - מען דארף משבח זיין די כלה פונקטליך לויט איר עכטע שיינקייט. אבער "בית הלל אומרים", ניין, דו דאַרפסט נישט זאגן פונקטליך די מציאות ווי אזוי זי איז, נאר דו קענסט מוסיף זיין און משבח זיין: "כלה נאה וחסודה".

לכאורה דאַרף מען פארשטיין: מיר רעדן דא פון א חתן און א כלה וואס זענען די סאמע פריילעכסטע מענטשן אין די וועלט. מיר ווייסן דאך אז ווען משיח וועט קומען שטייט אין "נביא" (ירמיה פרק לג, פסוקים י'-י"א): "עוֹד יִשָּׁמַע בְּעָרֵי יְהוּדָה וּבְחֻצוֹת יְרוּשָׁלִַם... קוֹל שָׂשׂוֹן וְקוֹל שִׂמְחָה קוֹל חָתָן וְקוֹל כַּלָּה". דאס מיינט אז ווען מען וויל ארויסברענגען די העכסטע דרגה פון

שמחה, דערמאַנט מען דעם קול חתן וקול כלה.

א חתן און א כלה געפינען זיך אין דעם העכסטן מאָמענט פון שמחה אין זייער לעבן. קומט יעצט א 'פרעמדער מענטש' און איז משבח די כלה, און מיט דעם טוט ער א געוואלדיגע מצוה. וואס האט ער דען דא אויפגעטון? ער האט סך הכל געזאגט עטליכע ווערטער! און פאַר וועמען? פאַר א כלה וואס איז יעצט ממילא אין א שמחה עצומה וואס מיר קענען נישט משיג זיין. **וואס האבן דיינע ווערטער שוין אויפגעטון?**

**דא זעט מען דעם געוואלדיגן "כוח פון ווערטער".**

## המלבין פני חבירו; די כח השפעה פון ווערטער

מיר אלע קענען די **גמרא** אין מסכת בבא מציעא (דף נ"ח ע"א): "תניא, אמר רבי נחמן בר יצחק, כל המלבין פני חבירו ברבים כאילו שופך דמים. אמר ליה, שפיר קאמרת, דחזינא דאזיל סומקא ואתי חוורא". מיר זעען אז דאס רויטקייט גייט אוועק פונעם פנים און עס ווערט ווייס, ממש ווי מען וואלט אים געהרג'עט. און די גמרא ברענגט פון רבי אלעזר המודעי: "המלבין פני חבירו ברבים, אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים, אין לו חלק לעולם הבא".

**געוואַלד! וואס האט ער שוין געטון? ער האט דאך נאָר גערעדט?!**

זעען מיר פון דא, אז **מיט'ן רעדן אליין האסטו ממש אוועקגענומען א מענטש! עס איז א "מעשה רציחה"!.**



לאמיר יעצט אריינגיין אין די **מידה טובה**.

מיר ווייסן דאך אז "מידה טובה מרובה ממידת פורענות חמש מאות פעמים ועוד" (גמ' מס' סוטה י"א ע"א, מדרש תנחומא, תוספתא, ועוד). ווען א מענטש זאגט גוטע ווערטער פאַר זיין חבר, ער הייבט אויף זיין חבר און גיט אים א קאמפלימענט, ער זאגט אים: "קוק אָן, דו גייסט דורך אזוי פיל שוועריגקייטן, און דו ביסט פאַר מיר א 'מוסטער' ווי אזוי א מענטש האַלט זיך שטאַרק אין לעבן" - דו ווייסט וואסערע חיזוק דו בלאזט אין אים אריין? דו מאכסט אים פאר א נייעם מענטש, פאַר א בריאה חדשה!.

## 'למעשה'

ווען רבי גד'ל האט געהערט די צוויי ווערטער "גד'ל, לויף!", און ער האט באקומען א נייע נשמה. וואו שטייט דאס? אין די גמרא. ווייל אויב ביים "מלבין פני חבירו", ווען מען זאגט שלעכטע ווערטער, נעמט מען אים אוועק דאס לעבן, איז דאך די מידה טובה מרובה פיל גרעסער. **ווען דו זאגסט א גוט ווארט, שענקסטו אים א 'ניי לעבן'.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זאגן גוטע ווערטער פאַר זיך אליין, פאַר אונזערע קינדער און פאַר אונזערע חברים. מיר זאלן כאַפּן וואס מיר טוען אויף. און די אלע וואס דאַרפן א שטארקע חיזוק זאלן זיך ארומנעמען מיט גוטע חברים וואס זאלן זיי טאָג-טעגליך מחזק זיין מיט גוטע ווערטער, און זיי וועלן זען ווי זיי ווערן א 'בריאה חדשה'. אמן.

זעטיגט אייער נשמה און באלייכט אייער טאג

דורך שעפן חיזוק אמונה און ביטחון,
השקפת החיים און ידיעת התורה פון די

# ענדלאזע תורה'ן קוועלער

- 1 — צוויי מינוט חיזוק א טאג
- 2 — אמונה ובטחון
- 3 — חיזוק בעניני עבודת השם
- 4 — חיזוק בנסיונות החיים
- 5 — שבת קודש
- 6 — מלוה מלכה פול מיט חיזוק
- 7 — יארצייטן
- 8 — קברי צדיקים בארץ הקודש
- 9 — ימים טובים
- 10 — שיעורים כלליים - שו"ת
- 11 — אוצר הידיעות
- 12 — שיעורים בספרי מוסר חסידות
- 13 — פאר נאך שיעורים
- 0 — אלע נייע שיעורים
- 25 — ENGLISH MAIN MENU

צו ספאנסערן
אדער פאר
פאזעטיווע
קאמעטארן קען
מען זיך ווענדן צו
הרה"ח ר'
**חיים מנחם**
**ראזינגער** הי"ו
347.570.0413

שיעורי
פרדס התורה
בנשיאות הרה"ג רבי
ישכר י-הודה בערקוי
שליט"א - אב"ד

## קול פרדס התורה

# 718.506.9694

צו באקומען די גליון און שיעורים אויף אימעיל שיקט 'Subscribe' צו
shiurimlishmo@gmail.com

מען קען אויך הערן די
שיעורים פון רב אויף:

**קול נשמותינו**
**אידיש:** 718.760.1111 #1
**ענגליש:** 718.759.1111 #1

**עינים ליין**
718.977.5554
במוצש"ק #0
במשך השבוע 1-2-7-4

א פרישע וואך
פול מיט חיזוק

# פרישט אויף אייער טאג
## מיט א פרישע שיעור פון בלויז

# 2 מינוט

דריקט 1 פון די מעין מעניו

שיעורים דורך אויס די וואך:

**זונטאג**
מאמר הפרשה

**מאנטאג**
חובת הלבבות

**דינסטאג**
טבריא של מעלה

**מיטוואך**
אוצר הידיעות

**דאנערשטאג**
יאהרצייטן

**פרייטאג**
אור של שב"ק

**מוצאי שבת**
מלוה מלכה

קול פרדס התורה

**718.506.9694**